בעזהשי"ת

# ספר

# מלחמות השם

## חלק כ"ב

# איסור שעטנז

❖

**קול קורא'ס ומאמרים בעניני חיזוק הדת**
**שיצאו לאור בבתי מדרשים וישיבות ובכתבי עת**

❖

יוצא לאור על ידי

הוצאת אמונה - ברוקלין יצ"ו - שנת תשנ"ג

# בולעטין

## פון הרב שלום יהודה גראָס

רב דקהל „מגן שאול" ר„האלמין" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי"
„מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"

בעהמח"ס: אפיית המצות השלם (י' חלקים); גידולי יהודה (על הלכות ציצית); שו"ת זבחו זבחי צדק (על הלכות שו"ב); חינוך ישראל סבא (מדריך לחינוך הבנים והבנות); מדריך לצניעות; מזוזת שלום (על הל' מזוזה); מנוחת שלום (הדרכה לכשרות); מנחת יהודה, (על חומר איסור „חלב עכו"ם" ו„סימילאק"); נפש ישעי (על מאכלות אסורות, ה"ח); קדושת ישראל (על הלכות יחוד); שמחת שלום; (על הל' חופה וחתונה); וש"ס.

# וואָרענונג קעגען סכנה!!!

## אַ רוף צו אַלע אידען

מיט גרויס צער און פארוויייטוגט הארץ טוען מיר זיך פארופען איבער דעם נייעם גרויסען מכשול וואס שטעלט אין געפאר דעם גאנצען כלל פיזיש און גייסטיש, ליידער ווערען היינט צו טאג פארקויפט אין אלע גרויסע און קליינע סטאר'ס זאקען וואס איז רעכט שעטנז, עס איז געמאכט פון וואל און לינען, און אויסער די הארבע עבירה פון שעטנז וואס מען באגייט יעדע רגע וואס מען האט אן די זאקען, ווערען די תפילות נישט נתקבל אפילו מען ווייסט נישט אז עס איז שעטנז (כמבואר בזוה"ק) שוועבט אויך א סכנה אויפ'ן מענטש יעדע רגע ווי ער גייט און ווי ער שטייט, ווייל דער ריקאנטי שרייבט אז א געוויסער מזיק איז באשטימט איבער אלע וואס גייען אין שעטנז און איז בארעכטיגט זיי צו שעדיגען, קומט אויס אז יעדער מענטש איז אומווילענדיג און אומוויסענדיג צוזאם מיט זיינע קינדער איינגעשטעלט סיי אין שטיב און סיי אין די גאס מיט אלע שוידער־ליכע טראגעדישע אינצידענטען וואס קען אלס פאסירען צב"ש: האלדאפ'ס – עקסידענטען – פייער א.ד.ג. צוליב דעם וואס די שמירה עליונה טוט זיך אפ, און מען איז איבערגעגעבן אין די הענט פון מזיק אויב מען גייט ח"ו אין שעטנז.

יעריבער, דער וואס זיין לעבען און דאס לעבען פון זיינע קינדער איז איהם טייער, זאל ער זייער אכטונג געבען (חוץ די אלגעמיינע מלבושים אזוי ווי סוט'ס, מאנטעלן, קליידער; א.ד.ג. וואס מען דארף לאזען טעסטען) ביים קויפען זאקען עס זאל ח"ו נישט זיין קיין שעטנז.

די זאקען וואס האבען א לעיבעל וואס לייגט זיך Gold Toe Socks מוז מען זיין געווארענט ווייל ביי די פירמא איז דער חשש שעטנז זייער גרויס, איבערהויפט ווען עס שטייט ארויס קלאר Wool ean Linen!.

די זאקען וואס שטייט אויפגעשריבען Linnoized איז קרוב לוודאי עס זאל זיין דערין שעטנז.

און בכלל זאל מען געווארענט זיין פון וואלענע זאקען אדער לינענע זאקען נישט צו נוצען אהנע טעסטען ווייל מען קען זייער גרינג געשטרויבעלט ווערען מיט שעטנז.

מיר האבען זיך איבערצייגט ביי אסאך זאקען וואס האבען אינ־גאנצען נישט געהאט קיין לעיבל און עס איז געווען דערין שעטנז.




צמר ופשתים, שעטנז

# מותר?

**זייט געווארענט!** נאך חקירות ודרישות האבען מיר זיך רערוויסט, אז אגרויסער פראצענט פון די געפלאכטענע עטרות (סיי אין חו"ל סיי אין א"י) האבען פעדעמער פון לינען, וואס צוזאם מיט'ן וואלענעם טלית איז עס שעטנז (עפ"י שו"ע והפוסקים).

רעריבער איז דאטוזאם כדי מען זאל נישט נכשל ווערען בפרט ביים ראווענען (נאך דערצו ר"ה און יו"ב און עצם יום הדין) אינעם הארבען איסור פון שעטנז, (וואס ראס מאכט קאליע דאס גאנצע ראווענען כמבואר בזוה"ק ובבהאריז"ל), און כדי דער עטרה זאל זיין אן אמת'ער קרוין פאר'ן טלית של מצוה און נישט ח"ו א מקטרג, זאל מען דאס לאזען טעסטען ווי אום שנעלסטען.

**פארגעסט נישט!** וועגען אפאר מינוט טרחא און אפאר סענט קענט איר אפלעבען א גאנצען לעבען אום געדאווענט אין אן א שמירה צוזאמען מיט'ן באגיין רעם הארבען איסור פון שעטנז; ווייל אן עטרה קויפט מען נאר איינמאל אין לעבען.

צום גרויסען באדויערן טוען מיר מוריע זיין דעם חרדישען אידענטוהם פון וויליאמסבורג און בארא פארק אז מיר האבען באקומען דירעקטע טעלעפאנישע רופען פון אנשים מהימנים, אז טראץ דעם גרויסען אחריות פון שעטנז געפינען זיך נאך איינצעלע געשעפט'ס לייט וואס טוען פארזיכערען די קונים אז זייערע בגרים האבען נישט קיין שעטנז, חאטש עס איז נישט אונטערזיכט געווארען.

מיר בעטען למען השם ותורתו הק', אז יעדער און ווע מענס אויגען די מצות פון השי"ח זענען הייליג, און זיין לעבען מיט די לעבען פון זיין הויז געזונט איז אים טייער, זאל זיך נישט לאזען פאר־פירען פון אזעלכע רייד, און בשום אופן נישט אנטוען א כגר ביז עס איז נישט אונטערזיכט געווארען פונעם שעטנז לאבאריטארי, ווייל אן רעם איז עס פינקט ווי עסען פלייש אן קיין שום השגחה! און נאך ערגער.

ובזכות שמירת המצות וועלען מיר אויסגעלייזט ווערען אין גיבען. אמן.

אין רעם זכות פון **קבלת התורה והמצות כהלכתה** וועלען מיר זוכה זיין ניצל צו ווערען מכל צרה ח"ו און במהרה געהאלפען ווערען מיט א גאולה שלמה אמן.

הק' **שלום יודא גראס**
אבדק"ק האלמין